אונזער
לופטליניע

פרשת ואתחנן שנת תשע"ח לפ"ק No. 5

הרה"ח הישיש ר' חיים הערש גאָלדשטיין לאיוש"ט [ולרפו"ש] פון קאָפּאָשוואַר פערבראַכט מיט די דאָרפסלייט אין איין געהויבענעם אַטמאָספערע, ביים זעלטענעם פאָרשטעלונג פון הייליקע אַנטיק ירושה

די אנטיק'ס געהער צו ר' חיים הערשנ'ס **'אוצרות חיים צבי'**

-טויטער שטיללקייט אַזש איין פלוג האָט מען גיקענט הערן זשומען דורכאויס דעם גאַנצען מעמד - נאָך פילע איינבעטעניש'ן ביי ר' חיים הערש'ן זאָלל געזונט זיין, ציעט ער ארויף דעם אַרבעל און צייגט די דאָרפסלייט זיינע אוישוויצער נומער'ן A43809 - אַללע ווערן פאַרפאַניקט ווען עס ווערט פלוצלינג פאַרלוירען איין קמיע פונעם קערעסטירער צדיק-

צווישן אַנדערע ווערן געוויזן: ספר פון הרה"ק מ'ראַצפערט, זילבערנער שטעקן פון הרה"ק מ'סאַטמאַר אין בערגן בעלזן, מגילה פון הייליקער ייטב לב, באַוויסטע הייליקע מנורה פון הרה"ק מירוזין, זעלטענער בריוו פון הרה"ק ר"ר אלימלך פון ליזענסק, קמיע פון הרה"ק הישמח משה, - דאָרפסלייט שעפּשען תפילות מיט איין גרויס ערליכקייט בעפאָר דער בריוו פון ר"ר אלימלך ווערן געצייגט -

דאָרפסלייט זענען ערליך מתפלל לרפואתו השלימה הרה"ח ר' **חיים צבי** בן **טויבא אסתר** אויף נאָך לאַנגע געזונטע יארן

וואַלן אין דאָרף:

'מיין דערפעלע' זיכט איין נייעם רב, וואַרשיינליך וועלן פאָרקומען היציגע וואַלן צווישן דעם רב פון פישפיקלאָדיין און קאָפּאָשוואַר

קאָפּאָשוואַר: הגה"צ ר' שמעון אפּפּעל שליט"א-אב"ד
הרה"ג ר' אברהם האלפערט שליט"א- רב הצעיר
פישפיקלאָדיין: הגה"צ ר' יודא האָפפמאַן שליט"א- אב"ד
הרה"ג ר' אפרים קליינבערגער שליט"א-רב הצעיר

הכנסת אורחים אין דאָרף:

דאָרפסלייט נעמען אויף מיט 'ברייטע אָרעמעס' די פרישע 'צווייטע העלפט' דאָרפסלייט

די וואך אין די לופטען

און שכינות פון דאָרף:

דאנערשטאג דברים: די רוישיגע מארק עפענט ווידער אירע טויערן, דאסמאל איז דאס פאר כיתה ג' ווי די דארפסלייט האבן זיך אראפגעלאזט אין מארק און איינגעקויפט מכל טוב וטוב. ביי כיתה ב' ווערט היינט לעבעדיג אויפגעשפילט די פארשטעלונג מיטן נאמען "שופר של משיח" ווי עס איז געווארן הערליך אראפגעשפילט געווארן די מעשה פון קמצא און בר קמצא, ביים ערשטען סצענע האבן מיר מיטגעהאלטן ווי די עושר ר' עזריאל מאכט א גרויסן סיום הש"ס, זיינע באדינער לויפן ארום אינעם גאנצן דארף קלעבן צעטלעך צו לאדענען אלע דארפסלייט צו די גרויסע סעודה, ביים סעודה זעהן מיר די שרעקליכע סצענע ווי ר' עזריאל טרייבט ארויס זיין פיינט בר קמצא מיט גרויסע בזיונות, ער גייט מסרין פארן קעניג אז די אידן האבן פיינט די קעניג, און די קעניג באפעלט גלייך צו חרוב מאכן די בית המקדש. מיר זעצן זיך אראפ אויפן פלאר טרויערן אויפן חורבן בית המקדש, פליצלונג הערן מיר א קול פון א שופר, מיר ווערן פריילך ווען מיר זעהן ווי עס קומט אריינצורייטן דער מלך המשיח אויף א כמעט עכטע אייזל... מיר לערנען זיך אפ זיך פארצונעמען נאר צו ליב האבן איינער דעם צווייטן. אזוי אויך באדאנקען מיר זיך שטארק פאר אונזער געטרייע משגיחים ר' חיים מארמארשטיין שליט"א און ר' יואל מאשקאוויטש שליט"א פארן אונז ארויסהעלפן מיטן שפיל. אויבן אין קרעטשמע מאכט מען שוין די לעצטע צוגרייטונגען צום לאנג ערווארטענעם פלעי פון כיתה ה' אונטערן נאמען "די איבעראשענדע פאלאץ", ווען די זייגער קלאפט 4:30 הערן מיר די קול פון איינער פון די קינדער ווי ער טוט הערליך פארבערייטן וואס מיר גייען זעהן ווען די סצענע וועט זיך עפענען, אט אט ריקט זיך די פארהאנג מיר טרעפן זיך אין א הערליכע פאלאץ, וואה קוק דארט ארום ארום די קעניג וואו עס זענען אויפגעשטעלט געווארן א הערליכע טויער... דער קעניג זיצט אינדערמיט ווען ביי זיינע צוויי זייטן איז ער ארומגענומען מיט זיינע לייב וועכטער, דער הייליגער צדיק ר' אדם בעל שם טוט איינלאדענען דעם קעניג צו א סעודה ביי זיך אין שטוב, פלוצלינג זעהן מיר דער גרויזאמער גלח קומט אריין מיט א פרישקייט צו העצן אויף אידן, דער זאגט פארן קעניג אז עס פאסט נישט אז דער קעניג זאל גיין צו די פארקראכטע הויז פון ר' אדם. ביים צווייטן סצענע האלטן מיר מיט וואו מיר זענען ביי ר' אדם אין שטוב וואו ער לערט די הייליגע תורה מיט זיינע תלמידים בהתמדה, ווען פליצלינג קומען אריינצומארשירן א גאנצע מחנה סאלדאטן זיי נעמען זיך איבערדרייען די גאנצע הויז, ר' אדם ווערט דערשראקן, גאר שיין איז געווען מיטצוהאלטן ווי ר' אדם נעמט זיך צו זינגען א גאר הארציגע ליד אינאיינעם מיט זיינע תלמידים, טרערן טוען באנעצן אונזערע אויגן ווען מיר האלטן מיט ווי ר' אדם זינגט אין בעט דעם אייבערשטען אז עס זאל חלילה נישט ארויסקומען קיין שלעכטס. ביים דריטן סצענע ווערן מיר איבעראשט ווען מיר טרעפן זיך אין די שטוב פון ר' אדם ווי עס איז געווארן הערליך צוגעגרייט פארן קעניג ווי עס פאסט, מיטאמאל הערן מיר ווי עס פייפן... די טירן עפענען זיך ברייט, די קעניג טוט אריינמארשירן הערליך שיין, נאך יעדע פייף פונעם הויפט סאלדאט מארשירן אלע סאלדאטן 3 טריט אין בייגן זיך אראפ, אלע זעצן זיך ביי די רייך געדעקטע טישן, יעדער ווערט אינגאצן ערשטוינט פון ווי ר' אדם האט אהערגעשטעלט אזא הערליכע פאלאץ... דער גלח פלאצט פאר צארן, ר' אדם רופט אויס מיט עקסטאז אז יעדער פון דא קען עפעס טראכטן וואס ער דארף, און וועט ער וועט אריינלייגן די הענט אין טאש וועט ער טרעפן ממש דאס וואס ער האט געטראכט, וואונדערליך... מיר האלטן מיט ווי די קעניג טראכט אז דארף א טייערע רינגל, ער לייגט אריין זיין הענט אין טאש אין... א הערליכע רינגל שטיין באלייכט די גאנצע קרעשטמע, ר' אדם רופט אויס אז קיינער זאל זיך נישט וואגן צו נעמען סיי וואס אפיי נאר א קלייניקייט פון דעם גאנצען סעודה, מיט א גענייטן אויג זעהן מיר ווי די קעניג לייגט אריין צוויי לעפלעך פון טיש אין זיין טאש, אוי וויי וואס גייט דא פאסירן -טראכטן מיר מיט גרויס נייגער- ביים פערטן סצענע זעהן מיר ווי די קעניג לייגט פאר פון אונזער "לופליניע צייטונג" אז ביי א גאר ווייטן קעניג איז פארלוירן געווארן פאר א טאג זיין גאנצע פאלאץ וואס ער האט אויפגעבויעט נאך לאנגע יארן, דעם אנדערן טאג איז די גאנצע פאלאץ מיסטעריעז צוריקגעקומען און עס האט גארנישט געפעלט א חוץ צוויי טייערע לעפלעך, אה, עפעס הייבט זיך אן דא צו צוזאמשטעלן -טראכט די קעניג הויעך- מיט שפאנונג האלטן מיר מיט ווי יענער ווייטער קעניג ווערט גערופן אין עס ווערט קלאר אז יא די וואונדערליכע האט פאסירט אז די הערליכע פאלאץ פון דעם ווייטן קעניג איז געווארן אריבערגעברענגט בדרך נס צו די הויז פון ר' אדם בעל שם כדי עס זאל ח"ו נישט ארויסקומען קיין שלעכטס אזוי ווי די גלח האט געוואלט אויב וואלט די קעניג געזעהן די עכטע הויז פון ר' אדם. יא יא ממש "די איבעראשענדע פאלאץ", גאר שווער איז געווען זיך

פארזעצונג אויף די אנדערע זייט

אויפצושטעלן פון די פלעצער נאכן זיין צוגענאגלט פאר אזא לאנגע ווײלע. צום שלום גייען גאנץ כיתה ה' ארויף אויפן סטעדזש אינאיינעם מיט זייערע געטרייע ר' אליעזר אבא שטראסער שליט"א און ר' יואל ראלניצקי שליט"א וואס האבן זיך אסאך אוועקגעריסן פון זייער אייגענע צייט פאר די הצלחה פון אונזער פלעי, יישר כח כיתה ה' האבן מיר אויסגעשריגן מיט גרויס באגייסטערונג, גאר זאט זענען מיר אהיים ווען מיר האבן געשלאסן א גאר תוכני'פולע וואך מיט אסאך איבעראשונגען.

מאנטאג ואתחנן: שוין צופרי קומען מיר אנגעגרייט מיט אונזערע דארפישע קליידער א קלייניקייט היינט גייט מען פראווענען פורים אין דארף, נאכן פיינעם קאלטן שווים לויפן מיר ארויף אין קרעשטמע, מיר טוען זיך איבער צו אונזער דארפישע קליידער, יוש.. קוק אן ער זעהט אוים ווי א עכטע אמאליגע שניידער, דער איז א האלץ האקער, א צווייטער א ציגיינער, דאפישע באחנ'טע אינגעלעך, דער רב אין דארף, דער איז די שמש, א שוסטער א פעדלער, א.א.וו. די גאנצע דארף טומלט, די דארפסלייט שמועסן איינער מיטן צווייטן איבער זייער פאך, און מיטאמאל עפענט זיך אויף די פארהאנג און מיר בלייבן געפלעפט... אויפן גאנצן סטעדזש איז אויפגעשטעלט א מעכטיגע "שמאטע בענד" א ביגל ברעט גייט זיין דער פיאנא, די פילע שעהר מאשינדלעך מיט ווייערם זענען פאר די קווייער, די ריזיגע אויפגשטעלטע קאך טעפ איז דער פויקער, דער אמאליגע טייפערייטער איז די עקאריען, בעזעמעס זענען היינט די געטארן, פלאנזשערם מיט שטעקענעס זענען פייפערס, דער שירעם איז די טראמפעט, ביים עק זיצט דער מיקסער ווי ער ריקט ארום זיינע דאזן אייער קלאר צו מאכן די מוזיק, אלע מוזיקאנטן שטיין העלדיש ביי זייערע פאזיציעס ווארטענדיג אויפן וואונק פון די שמאטע בענד אנפירער וואס שטייט אינדערמיט מיט זיין לאנגע שטעקן... מיר קענען נישט אראפנעמען אונזער אויגן פון דעם העלישן סצענע, ווי נאר ער געבט דעם וואונק מיטן שטעקן, געבט זיך א הייב אן די מוזיק עס הייבט אן שפילן אונזער באליבטע דערפעלע ניגון בשעת די גאנצע קאפעליע איז אריינגעטוהן אין זייער כלים ממש ווי עקספיריענס'דיגע שפילערס, "מ'גיימער זינגען"... זעץ... "טאנצען און שפרינגען"... זעץ... אבער נאך ווי!! עס ווערט לעבעדיג אין דערפל, די מוזיק האקט דער עולם פאטש, מען לאזט זיך ארויס מיט געטענץ אינעם גאנצן קרעטשמע, עס פארמירט זיך רינגען אינאיינעם מיט אונזערע משגיחים, דער עולם הייבט זיך אין די לופטן, עס פארמירט זיך קאדאטשקעס אינעם גאנצן זאל, ביז נאך א לאנגע ווײלע האט מען אונז קוים געקענט אפשטעלן טאנצן און שפרינגען, אבער מען דארף שוין אהיים גיין.

דינסטאג ואתחנן: מיר קוקן שוין שטארק ארויס אויפן היינטיגן טאג ווען מיר זענען שוין אינפארמירט געווארן אז עס איז דא א שטארקע מעגליכקייט אז מיר גייען קענען זעהן פונדערנאנט גאר אלטע טייערע אנטיקים פון א אלט'ן אנטיק הענדלער. גלייך נאכן שווימען גייען מיר ארויף אויף די וואגאנען וואס טראגן אונז אפ צום ביהמ"ד ישראל והזמנים אויף ראדני סט. ביים אריינקומען זעהן מיר שוין דעם עלטערן אנטיק סוחר ווי ער זיצט איינגעבויגן ווען צו זיין זייט ליגט זיין רענצל מיט די אלטע סחורה, מיר זעצן זיך אראפ אויף די באשטימטע פלעצער, די ראש הייבט אן מיטן פראגראם ווי ער שטעלט אונז פאר דעם אלטען איד אלם הרה"ח הישיש חיים צבי גאלדשטיין שליט"א לאויש"ט אן עלטערן איד א ירא שמים וואס איז אריינגעטוהן א גאנצן טאג בתורה ועבודה, שוין פרי פארטאגס זעהט מען שוין דעם איד אין ביהמ"ד, די ראש באדאנקט זיך שטארק פאר אים פארן ספעציעל אראפנעמען פון זיינע טייערע צייט צו ווייזן אביסל פאר אונז אלטע אינטערעסאנטע און היילגע חפצים פון אמאל, די פלאן איז באמת געווען ־זאגט די ראש־ אז דער איד זאל אראפקומען צו אונז אין חדר, אבער אזוי ווי יעדער ווייסט אז די עלעוועיטער איז יעצט צובראכן דעריבער האבן מיר נישט געקענט מטריח זיין דעם עלטערן איד זיך ארויפצושלעפן 6 שטאק דערפאר זענען מיר געקומען דא אהער, דער איד זאגט אונז אז ער איז געבוירן געווארן אין יאר תרפ"ט אין קאפאשוואר אין אונגארן, בשעת די ראש זאגט אונז אלעס איבער קלאר אזוי ווי דער איד רעדט אביסל שווערליך... 1929 שרייעט ער אריין די למספרם דאטום, ער איז שוין קרוב צו די 90 וואה... ער זאגט אונז אז ער האט געהאט די זכיי' צו זעהן אסאך גדולי ישראל צווישן זיי די בעלזער רב, סאטמאר רב, דעם מנחת אלעזר, ר' שלום אליעזר'ל. מיר שפירן אזא זכיי' צו זיין אונטער איין דאך מיט אזא איד, ער פארציילט אונז אז ביים קריג איז ער געווען אין מונקא טאבאר אלם 15 יעריגן בחור'ל, אזוי אויך איז ער געווען אין די ביטערע אוישוויץ ווי ער האט געזען מענגעלע ימ"ש, א סקרוך האט ארומגענומען אונזערע ביינער ווען מיר האבן מיטגעהאלטן ווי דער איד ציעט ארויף זיין ארבעל טראץ זיין טיעפן עלטער, און ווייזט אונז די נומערן אריינגעקריצט אויף זיין האנט 43809. מיט א קול דערשטיקט פון טרערן פארציילט ער אונז אז מענגעלע ימ"ש האט אים באמת געשיקט אויף לינקס אבער אינמיטן האט ער געשפירט ווי א האנט רוקט אים צו די רעכטע זייט, וואס אזוי איז ער געראטעוועט געווארן ממות לחיים, און דעם איד האט ער דערנאך מער נישט געזעהן... זיין פאטער איז געווען א שוחט אין ער האט געהאט די זכיי' צו משמש זיין אסאך צדיקים צווישן זיי אויך די קינדער פון היילגן צאנזער רב. דערנאך הייבט מען אן צו ארויסנעמען די כתבי ידות וואס

פארזעצונג אויף די אנדערע זייט

ער האט בירושה פון זיין טאטן, צום ערשט לייגט ער פאר זיינע תנאים אז מ'זאל חלילה נישט צירירן און נישט קושן קיין שום חפץ, און ווען ער נעמט ארויס א חפץ ברויך יעדער זיך אויפשטעלן פאר א וויילע ווי עס פאסט פאר א הייליגן חפץ, אזוי אויך בעט ער אז מ'זאל מתפלל זיין פאר זיין געזונט, מיר זאגן אלע מיט ערליך צוזאמען מיטן ראש אז דער אייבערשטער זאל העלפן אז הרה"ח ר' חיים צבי בן טויבא אסתר זאל האבן א רפואה שלמה בקרוב און זוכה זיין צו לאנגע געזונטע יארן. צום ערשט נעמט ער ארויס אן אלטן געלען חובת הלבבות פונעם הייליגן ר' שלום אליעזר'ל מ'ראצפערט מיר שטעלן זיך אלע אויף... מיר שטיפן זיך צו כאפן אפי' נאר א קליינעם בליק אויף אזא היסטארישע חפץ. דערנאך ווייזט ער אן הייליג ספר וואס האט באלאנגט פאר ר' ישעיילע קערעסטירער, איך בין זיין אייניקעל "הערט זיך געשרייען פון די זייטן" פארכטיגערהייט כאפן מיר א בליק דערויף. דערנאך נעמט ער ארויס אן אלטען צוקניישטען מגילה וואס ער זאגט אז דאס האט ער בירושה פונעם הייליגן ייטב לב וואס ער האט געליינט דערין זיינע לעצטער יארן, ער לאזט דאס נישט ארומטראגן צוליב זיין גאר טייערע ווערד. דערנאך קומט ארויס אן אלטען זילבענעם מנורה פונעם הייליגן ריזשינער וואס איז געווען באקאנט מיט זיין גרויסען עשירות, איך האב שוין געזעהן א פיקטשער פון די מנורה "הערט זיך איין אינגעל אויסשרייען מיט עקסטאז"... שפעטער זאגט ער מיט א שוואך קול אז ער האט א גאר טייערע חפץ דאס איז גאר א בריוו וואס דער הייליגער ר"ר אלימלך מליזענסק האט געשריבן פאר זיין זון ר' אלעזר זצ"ל, וואה.. א שטילקייט נעמט ארום דעם גאנצן פלאץ, נאר א פליג הערט זיך דזשומען ווען ער נעמט ארויס מיט זיינע ציטערדיגע הענט די אלטע כתב יד, מיר שטעלן זיך נאכמאל אויף ווי עס פאסט. דערנאך ווייזט ער אונז א קמעי פונעם הייליגן ישמח משה אויף אן

אלטן אפגעריבענעם שטיקל פארמעט און די ראש ליינט דאס פאר "והאנשים אשר פתח הבית וכו' המלאך ..." "דער אלטער איד האקט אפ דעם ראש פונעם ארויסזאגן די מלאדים נאמען... נאום הקי' משה טייטלבוים פה איהעל יצ"ו, א שטיקל היסטאריע פירט אונז צוריק אזויפיל יארן ממש ביז אונזער אלטע דערפעלע... דער אלטער איד זאגט אז דאס איז עס ער וויל שוין מער נישט ווייזן, אבער מיר בעטן זיך שטארק אז ער זאל ווייזן נאך עפעס, נאך לאנגע בעטענישן האט די ראש אויסגעפועלט אז ער גייט ווייזן נאך אן גאר אלטען קמעי פונעם הייליגן רבי ישעיילע מקערעסטיר, ער בייגט זיך שווערליך אראפ זיכען דאס קלייטשיגע קמעי אבער ואננו, עס איז נישט צום טרעפן, מען זיכט אהער און אהין און גארנישט, נערוועזערהייט רופט ער אן זיין זון אויפן טעלעפאן וואס זאגט אים קלאר אז ער האט דאס אים איינגעפאקט אין זיין רענצל, דער אלטער איד בייזערט זיך... די ראש פראבירט אים צו בארואיגן אז מען וועט דאס אי"ה טרעפן בשעת ער בעט אונז צו מאכן זיכער אז קיינער זעהט גארנישט אויפן פלאר נעבן זיך, עס טוט זיך א העפטיגע זיכעריי, יעדער ווערט באפוילן צו באקוקן די טאשן אפשר האט איינער... ר' חיים הערש לאזט נישט נאך ער פארלאנגט אז די טירן זאלן פארשפארט ווערן בכדי קיינער זאל פון דא נישט קענען אנטלויפן, און אזוי אויך לאזט ער וויסן אז ער וועט רופן די שומרים אויב עס וועט זיך אויספעלן, א פחד געמישט מיט רחמנות'דיגע געפיהלן אויף ר' חיים הערש נעמט אונז אלע ארום... נאך א לענגערע אנגעצויגענע ווילע הערן מיר ווי דער איד שרייט אה אה! בשעת ער ציעט ארויס פון אונטער זיין טיש 2 גרויסע אלטע געלע צעטלעך וואס אויף איינס שטייט "טיעם פישפיקלאדייך"!!! און אויפן צווייטן שטייט "טיעם קאפאשוואר"!!! מיר קוקן זיך אן געפלעפטערהייט איינער דעם צוויטן צו מיר חלומין אדער

נישט... זאג נישט אז מען האט אונז געטראגן אויף א רייד די לעצטע דריי און א פערטל שעה... די ראש וויקעלט אויף א ריזיגע סיין "ק א ל א ר ו ו ע ר" אונזער אטעם הייבט אן צו לויפן די בלוט ווערט פארגליווערט בשעת דער אלטער איד געבט א שפרינג אויפן בענקל, און שרייט מיט קולות ווער בין איך?? א שטילקייט נעמט ארום דעם זאל... קיינער ווייסט נישט ווער איך בין?? אין קאפשוואר בין איך געבוירן? א נעכטיגן טאג! 89 יאר בין איך?? ער שיסט אוועק זיין שטעקן, דאס זענען דען קמעיים?? דאס איז פשוטע שטיקלעך פאפיר איינגעטינקן אין קאפי... נא ווער בין איך?... קיין פיפס ווערט נישט געהערט פון קיינעם... נא זאג שוין ווער די ביזט "שרייען מיר מיט גרוים נייגער", ער הייבט אן אראפצושלעפן זיינע אלטע גרויסע ברילן, ער טוט אוים דעם פארצייטישן היט און... אונזער באליבטער משגיח הר"ר חיים מארמארשטייק'ס געזיכט הייבט זיך אן ארויסציווייזן צווישן די פארקנייטשטע הויט וואס ער איז געווארן ארומגענומען, ער נעמט זיך ארומציישפרינגען צווישן אונז ווי א יוגערמאנטשיקל... אונז קענען מיר זיך נישט צוזיך קומען פון אזא איבערלעבעניש וואס מיר זענען יעצט אדורך... אבער דאס זענען מיר געוואויר געווארן אז עס קומט הויעך יום טוב צווישן די צוויי טיעם פישפיקלאדיין און קאפאשוואר... אבער פונקטליך וואס מיזן מיר צו ווארטן נאך אביסל... איינס אבער א גוטס!

מיטוואך ואתחנן: היינט הייבט זיך אן די העפטיגע קאמפיינען פאר די 2 טיעמס, עס ווערן אויסגעקליבן 2 רבנים, איין פאר טיעם פישפיקלאדיין און איין פאר טיעם קאפאשוואר, ביידע פארמירן א גאנצע סטעף פון דיינים און ראשי הקהלה,)ביי כיתה א' ב' ווערט אויסגעקליבן 2 רב הצעירים דערנאך לאזן זיי זיך

ארויס און א העפטיגע קאמפיין.(עס ווערט פארטיילט ריזיגע שילדן און צעטלעך און נאך פארשידענע קאמפיין ליטערעטאר, מיר לאזן זיך ארויס מיט א העפטיגע שרייבעריי און מאלעריי, מען נעמט זיך קלעבן אלע שילדן, אזש עס ווערט כמעט נישט ארויסגעזעהן די אלטע ווענט אין די דאך פונעם קרעטשמע, פליצלונג ווערן מיר געפלעפט ווען מיר הערן דינערן די באקאנטע אלטע שטימע וואס קלינגט אונז נאך אין די אויערן, "איך בין געבוירן אין 1929 אין קאפאשוואר"... "אין אוישוויץ האב איך געזהן מענגעלע ימ"ש"... מיר קוקן ארום און ארום פארוואונדערטערהייט פון וואנעט קומט די בת קול? ווען פליצלונג עפענט זיך ברייט די טירן פונעם קרעטשמע ווי מיר זעהן ר' חיים הערש גאלדשטיין הי"ו (ר' חיים ממ"ש ווי מאנכע רופן אים) ארייןוואקן בשעת ער שרייט מיט קולי קולות אויפן אלטן שפראך, ווער - בין - איך?... נומערן אויף מיין האנט האב איך, וואס? ער גייט ארויף אויפן סטעדזש

צוזאמען מיטן ראש ווי זיי הייבן אן צו אויפשפילן נאכאמאל די גאנצע סצענע וואס מיר האבן נעכטן בייגעוואוינט, זיי שפילן אויף די גאנצע קאלאווער פון אונטער די קוליסן, פונקטליך וויאזוי די "אלטע קמעיים" זענען היימיש פאבראצירט געווארן, וויאזוי זיין פנים איז אזוי פאכמאניש אלט און צוקנייטש געווארן, און וויאזוי ער איז צירוק יונג געווארן, גאר אינטערעסאנט איז געווען צו הערן פון ר' חיים הערש ווי ער האט פארציילט אז אויפן וועג צום קאלאווער האבן אים אלע דורכגייער געגעבען דעם פולסטן רעספעקט ווי עס פאסט פאר אן אלטן איד, א שטייגער ווי זיין קאר סערוויס דרייווער האט אים געהייסן זיך ארייןזעצן אין קאר און ער וועט אים שוין ארייןלייגן די פעקלעך... צום שלום פרעגט אים די ראש מיט א צינישן שמייכל אז אזוי ווי ער איז שוין געווען א זיידע נעכטן אין אויך אן אייניקעל אלס יונגערמאן, טא וואס איז בעסער "זיידעס" אדער "אייניקלעך"? א גרויסן שמייכל נעמט אונז ארום הערענדיג וויאזוי ער לייגט פאר די מעלות אין חסרונות פוןביידע פאזיציעס, גאר היציג האט זיך געשלאסן די ערשטע קאמפיין טאג, ווען ביידע זייטן שטייען קאמפס גרייט מיט פארשידענע פלענער צו באזיגן איינער דעם צווייטן. **ענדע**

יו"ט פורים אין דערפל!!!

מיט די היימישע 'דאָרפס מוזיקאַלישע אורקעסטרע'

יו"ט פורים

מיט די היימישע 'דאָרפס

אין דערפל!!!

מוזיקאַלישע אורקעסטרע'

דער ציגאַנער

א דאָרפסמאַן

דער האָלץ האַקער

א דערפיש בחוריל

א פעדלער

דער פיש כאַפּער

דער וואסער טרעגער

דער בעקער

היסטאָרישער בעזוך
הרה"ח ר' חיים הערש

ר' חיים הערש וויקעלט אויף אביסל פון זיינע זכרונות

די קינדער קומען אן צום מעמד

פאר יעדן כתב יד שטעלן מיר זיך אויף

ציעט זיך ארויף דעם ארבעל

ר' חיים הערש קושט מיט אהבת התורה דעם הייליקן ספר

מגילה פון הייליגן ייטב לב

איין טייל פון די פארזאמעלטע

מיקוקט זיך צו פארגאפט אויף די היסטארישע כתבי ידות

דער שטעקן פון רביה"ק מסאטמאר

ספר פון הרה"ק ר' שלום אליעזר"ל

ביים אַנטיק הענדלער
גאָלדשטיין לרפו"ש

בריוו פון הרה"ק ר"ר אלימלך



קמיע פון הרה"ק ישמח משה



ר' חיים הערש שליט"א ציגט זיינע אוישוויצער נומערן

די קמיע פון ישמח משה ווערט געוויזן

היסטאריש-הייליגע מנורה פונעם הייליגן ריזשינער

בריוו פון הרה"ק ר"ר אלימלך

שוויציגע-אנגעצויגענע מאָמענטן ווען דיזע איין מיליאָן דאָללאַר'דיגן קמעי' פון הרה"ק מ'קערעסטיר ווערט מיסטעריעז פאַרלאָרען עס איז ניט צום געפונען

מען זיכט ארום זיך... מען זיכט אין די טאשן....מען פארמאכט די טירן

ר' חיים הערש זיכט אין די טאשן

איך קען עס נישט טרעפן

דער ראש פרובירט צו פארהאנדלען מיט ר' חיים הערש

קאַלאָרוואָר!!!!!!!!!!!!!

קאלארוואר !!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!!

וועעררר בינן איך??????

דיין בָארד איז עכטע????

Step 1

די קאווע בונדלעך ווערן אריינגעלייגט

Step 2

די צעטל ווערט איינגעטונקען אין הייסע קאווע

אונטער די קוליסן

די פאפירן טרוקענען זיך



פארטיג גרייט צו גיין צום דרוק

כתה ה' שטעלט פאָר:

דער איבעראַשענדער פּאַלאַץ

די הערליכע מארש

די האַרציקע ליד

אלס אדאנק דער "לופטליניע"

קאַלאָרוואָר יאַרע 1799

ווער בין איך???